## „פריינט פון יידיש לשון“

אויף אַ זיצונג פון „פריינט פון יידיש לשון“ איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איינס פון אונזערע העפטלעך זאָל געווידמעט ווערן דעם אָנדענקן פון י. נאַראָדיצקי, ווי דעם פאַרלעגער פון אונזערע חודש־„העפטלעך“ און אויך בעיקר פאַר זיין וויכטיקער און אומדערמידליכער אַרבעט אַלץ אַרויסגעבער פון יידישן בוך בכלל דאָ אין לאָנדאָן. די באַטייליקטע אין דעם „העפט“ זיינען ס׳רוב די, וואָס גרופּירן זיך אַרום די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“. ביי דער זיצונג זיינען אויך בייגעווען די זין פונם נפטר, בר כוכבא און כרמל.

מיר האָבן אויך דערצו איינגעלאַדן דעם רעדאַקטאָר פון די „מצודה“ דר. ש. ראַווידאָוויטש, און דעם רעדאַקטאָר פון „אונזער וואָרט“, ש. גאָלדענבערג, ווייל די צוויי זשורנאַלן דערשיינען אין דער דרוקעריי פון י. נאַראָדיצקי, און אויך אייניקע שרייבער, וועלכע געהערן צום פּערסאָנאַל פון דער נאַראָדיצקי דרוקעריי. מיר ווייסן אַז מיט אַ חודש־העפטל (כאָטש אונזער נומער היינט האַלט 36 זייטלעך !) איז דער מאַטעריאַל וועגן נאַראָדיצקין וועלכער וואָלט געקענט געזאַמעלט ווערן פון אונזער שרייבער דאָ אין לאָנדאָן, און פון זיינע השובע פריינט, נאָך נישט אויסגעשעפּט. אָבער דאָס איז אויך אומעגלעך פאַר אַ חודש־העפט. כאָטש ס׳איז פאַרגרעסערט געוואָרן מער נאָך ווי דאָפּעלט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּרייז פון דעם העפט־נומער זאָל בלייבן דערזעלבער.

## מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אַדלער סטריט, א.1.—3 אַזייגער)

שבת, דעם 18־טן דעצעמבער, וועט דער נאָכמיטאָג זיין געווידמעט דעם 90־טן געבוירן יאָרן פון יעקב גאָרדין. דער פאָרטראָג וועט זיין: „יידיש־טעאַטער ביז און פון יעקב גאָרדין. מיט לינעצקי און צענזור־לידער וועט זיך באַטייליקן חזן אהרן פּאָלאַטניק. דיריגענט יעקב שערמאַן.

שבת, דעם 25־טן, וועט זיין ווי אַלע יאָר דער טראַדיציאָנעלער חנוכה־פייערונג. עס וועלן זיך באַטייליקן די שוישפּילערין דאָרא דימאַנט, י. ביטש, א. ראָכמאַן און אַנדערע.

שבת, דעם 1־טן יאַנואַר, אין געבוירן־טאָג פון מענדעלע מוכר־ספרים, וועט ווי אַלע יאָר זיין געווידמעט דעם קלאַסיקער פון אונזער ליטעראַטור. דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, ש. גאָלדענבערג, וועט זיך אויך באַטייליקן מיט זכרונות איבער מענדעלען.

שבת, דעם 8־טן, וועט דר. אליהו אַלשוואַנגער האַלטן אַ פאָרטראָג: עמוס, דער ערשטער פרייער נביא.

**א. נ. ש ט ע נ צ ל**

**6 פענס**

פערלאַג און דרוקערי י. נאַראָדיצקי, 129־131, קאָוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.



# אונזער יידיש שאפן

## דערציאונג צו גייסטיקייט און יידישע קולטור

אויב יידישע דערציאונג מיינט אויסלערנען דאָס יידישע קינד אָפּצושטאָמלען אַ „קדיש“ נאָכן טויט, די בר־מצוה הפטורה, מיט אַ וואָס העכערן קוויטש אויסצוזינגען (וואָס אפילו אויך דאָס האָבן די בלערליי „עדוקיישאָן קאָמיטעס“ פּערנאַכלעסיקט אין די לעצטע יאָרן...), גייט אונז באמת נישט אָן אויך איצט דער גאַנצער „קהל־עונות“ געשריי פון די רבנים און כלל־טוער אין דער יידישער מחנה. ס׳איז אפילו קיין גרויסער אונטערשיד אונז נישט, צי זיי די „מנהיגים“ מיינען עס באמת, דאָס וואָס זיי שרייען און טומלען, אָדער ס׳איז נאָר אויף אַן אַנדערן אופן פּאָליטישע מאַכערייקעס און „אַפּיל“־מאַכעריי, בתופים ובמחולות, באַגלייט פון דער אייביק יידישער פּושקע קלאַפּעריי.

דער פאָרשלאָג דאָ איז צו יענע טאַטע־מאַמעס און צו יענע ערנסטע דערציער אין די תלמוד־תורה׳ס און אין „אָווענט־קלאַסעס“, וואָס זייערע הערצער טוען באמת ווי, צוזעענדיק די גרויסע טראַגעדיע וועלכע געשעט מיטן יידישן קינד,—אין זין פון יידישן קיום איז זי לגמרי גאָרנישט קלענער ווי יענע אין דערהיים, אין פּוילן, אוקראַינע, וואָס מ׳האָט פאַרגאַזט און אויסגעקוילעט! — דאָ פאַר אונזערע אויגן געשעט דער זעלבסטמאָרד פאַר אונזער ווייטערע עקזיסטענץ, און מיר אַליין בידים פירן מיר אים אויס.

דער פאָרשלאָג אונזערער איז אָנצוהויבן צו געבן דעם יידישן קינד אַ יידיש גייסטיקע קולטורעלע דערציאונג (נישט נאָר גייסטלעך־קולטישע...) — קיין אַנדערע ווירקלעכע און ווירקנדיקע דערציאונג איז בכלל נישט פאַרהאַנען! אונזער אַלטע דערציאונג אין חדר, אין דער ישיבה, בית־המדרש און אין חסידים־שטיבל, איז נישט געווען קיין איינזייטיקע רעליגיעזע־דערציאונג, דאָס וואָס מען האָט דאָרטן געלערנט איז געווען אונזער קולטור: די יידישע קולטור! און אַלע אומבאַדינגט נויטווענדיקע אַטריביוטן פון גייסטיקע שעפערישע קולטור, געזאַנג, טאַנץ, פאָרשטעלונג זיינען געווען אין אירע דלת־אמות של הלכה — —

אונזערע גייסטלעכע גאונים זיינען אויך געווען גאַנצע כאַראַקטערס און אמתע מנהיגים—נישט עפּעס אייראָפּעאישע געמאַכטע דאָקטוירימלעך און האַלבע עמי־הארצים, און דערפאַר האָט אויך, אין זייער אַטמאָספערע, געקענט אַרויסוואַקסן און זיך ענטוויקלען אונזער מאָדערנע קולטור מיט אַלע אירע קונסטצווייגן. איז נישט אויך די אייראָפּעאישע קולטור, די מאָלעריי, די מוזיק און אויך צום גרויסן טייל איר וואָרט־קונסט, נישט אַרויסגעוואַקסן און זיך ענט־

וויקלט, אין באַגינען פון זייער ענטשטיין, אין די ביצאַנטישע קירכן, אין די קאַטוילישע מאָנאַכן־קלויסטערס (די מאָלער און פלאַסטיק), און אין די שפּעטערע רעפאָרמירטערע גאָטישע קאַטעדראַלן מיט די לוטערישע לידער, און מיט באַך און מיט היידן.

אין דערציאונג איז אומעגלעך דואַליזם! דער עיקר פון דערציאונג איז דאָך דאָס קינדער אַרויסצונעמען פון דער פסיכישער־צווייִשפּאַלטיקייט. און די „אַזויגענאַנטע" רעליגיעזע דערציאונג איז לא־דאַי, וואָס נישט זי טוט נישט דאָס, וואָס זי איז באַרופן צו טון, צו שטאַרקן דעם קינדס כאַראַקטער, נאָר נאָך אומגעקערט, זי שפּאַלט אים נאָך מער און צעשטערט אים ביז קראַנקהאַפטיקייט און דערציט דאָס קינד צו די אַלע „טייער מידות", וועלכע זיינען די באַגלייט־דערשיינונגען פון כאַראַקטערלאָזיקייט.

דאָ, רעליגיע—יידיש! און דאָ קולטור—אייראָפּעאיש! קאָן העכסטנס שאַפן אַ סעקטאַנטישקייט, וועלכע מוז סוף כל סוף צופירן צו אַ רעפאָרם, וועלכע איז אין איר תוך און פאָרעם אַבסאָלוט נישט אַנדערש ווי די רעפאָרם פון דער קירכע. ד.ה. ביי דעם קליינעם שוואַכלעכן מיעוט וועלכער בלייבט נאָך ביים יידישקייט, נאָר אויס אַ געוויסן איבערפלעכלעכן סענטימענט; וואָרעם דער טיפערער, דער גייסטיקערער, וואָס האָט ער צו זוכן אין אַ רעליגיע, וואָס האָט נישט דעם גייסטיקן כוח זיך צו ענטוויקלען און זיך צו קולטיווירן מיט אייגנאַרטיקע ספּעציפישע שאַפונגען? פון אַ נאַטירלעכן אינסטינקט געזונט צו ווערן, זיין פסיכע צו ראַטעווען פון אַ קרענקלעכע צווייִשפּאַלטיקייט, פון אַ כאַראַקטער שטאַרקייט, זוכט ער אויף יענע רעליגיע וועלכע גיט אים די אייניקייט פון רעליגיע און קולטור, גייסטלעכקייט מיט גייסטיקייט.

אפילו די דר. שמשון רפאל הירש מעטאָדן, וואָס האָבן שוין באמת גוט און ערלעך געמיינט, האָבן בכל אופן אויך נישט קיין סך אויפגעטון, העכסטנס וואָס מיט זייער מסירת־נפשדיקייט זיינען זיי געבליבן (אין אַ גאַנץ קליינעם מיעוט—און מיט זייערע קלין־בערדלעך האָבן זיי נישט קיין שענער פנים ווי דאָס ביסל געבליבענע שמרנים...) ביי זייער דואַליזם, בשעת די רעליגיעזע מעהרהייט־אַסימילאַציע איז פון אונז אַנטלאָפן מיט שטאַרקן כאַראַקטער, עזותדיק און חוצפהדיק.

קיין אַנדערע דערציאונג איז נישט פאַראַן און איז בשום אופן נישט מעגלעך, ווי טאָטאַלע פאָלקס־דערציאונג, מיט ליבע, מיט דרך־ארץ צום אייגענעם גייסט און גייסטלעכקייט, צום געירשנטן אוצר פון געהייליקטן קולט און צו די נייע געשאַפענע קולטור. אַ חוץ, ווען מען וויל דערציען און ענטוויקלען שנאה צו זיך אַליין, גרינגשעצונג צו די אייגענע גייסטיקע אוצרות און נייע שאַפונגען, עקל צום אייגענעם פאָלק און צו זיך, קאָן מען ווייטער גיין אויף דעם יענעם וועג פון „רעליגיעזער דערציאונג".

איז עס נאָך נויטיק אַ סך אַרומצורעדן און „מגזם" צו זיין וועגן דעם — מיר שטייען דאָך יעצט פאַר אונזער אייגענער טרויעריקער דערפאַרונג און טראַגישע רעזולטאַטן; אפילו דעם קדיש נאָך אונזער אייגענעם טויט קאָן מען



דאָך שוין באַלד נישט אַרויסשטאַמלען, אפילו, ווען ר'איז שוין אויפגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות.

מיר זיינען נישט קיין פאַנטאַזיאָרן! מיר ווייסן גענוי די אַטמאָספערע דאָ איז נישט קיין יידישע, און מיר ווייסן אויך אַז קיין אַטמאָספערע קאָן מען נישט מאַכן, פונקט ווי מ'קאָן נישט קיין גייסטיק מענטשלעכע העמיספערע רעקאָנסטרואירן. און אין דעם אַליין, ווייל איינס אינם אַנדערן איז מסתמא אָפּהענגיק, ליגט שוין אונזער אינערלעכע צווייִשפּאַלטיקייט ווי אונזער אויסערלעכע צעבראָכנקייט! מיר ווייסן אָבער אויך אַז אַסימילאַציע האָט לגמרי נישט צו טון מיט קולטור; עס האָט זיך נאָך קיינער נישט אַסימילירט, ווייל ער זוכט אויפצוגיין אין אַ גרעסערע קולטור—מ'זוכט בעסערע סאָציאַלע מעגלעכקייטן!...

מיר זיינען נית קיין פאַנטאַזיאָרן! מיר ווייסן אפילו, אַז די פראַזע: „אויב איר ווילט איז עס נישט קיין חלום!" האָט אַ נאַציאָנאַלער פירער געשמידט, ווען ס'אייזן איז הייס געווען—ער האָט דערזען די באַהנלאָזיקייט פונם אייראָפעאישן ייד, בשעת ער אַליין, דער שמידער פון דער פראַזע, איז נאָך פון אונזער קולטור געשטאַנען אַביסל ווייטלעך און פרעמדלעך—דאָס וואָס אַ ציוניסטישער פירער וויל איז אמת דער חלום פון רוב יידן, אָבער אפילו דאָס נאָר צו דערגרייכן, מוזן מיר אויך האָבן דאָצו אונזער גייסטיקע קולטור — אַז מיר זאָלן נישט חלילה אויפוואַכן ווי יענע עגיפּטישע־אסירישע מלכים, וועלכע האָבן פאַרגעסן דעם חלום מיטן פתרון אינאיינעם!...

מיר ווייסן אויך גענוי, אַז אין געוויסע עקאָנאָמישע און פאָליטישע דערגרייכונגען איז אָפּהענגיק די נאָרמאַלקייט און געזונטקייט פון אונזער פאָלק, אָבער מיר זיינען זיך אויך באַוואוסט, אַז אַן אייגענעם אינערלעכן ווילן, אַן געשטאַרקטן פסיכישן כאַראַקטער, איז ערשטנס דאָס דערמאָנטע בכלל נישט מעגלעך און אויך איז עס אפשר גאָר נישט כדאי, אַז ס'זאָל איבערהויפּט מעגלעך זיין... (אַלנפאַלס פאַר אונזערס איינעם!)

אָבער עכטע געפאָרעמטע קולטור, אייגנאַרטיק געשאַפענע קונסט זיינען דאָך יענע פרעפּאַראַטן, וואָס אופנעמעדיק זיי שאַפט עס נאָך אַן אינערלעך־אייגענע היימישע אַטמאָספערע—אַסאָציאַציעס פון פאַרגאַנגענע דורות לעבן־אויף מיט געדאַנקן־שטימונגען און מיט נייע געפיל־השגות —

זינגענדיק „אויפן פריפעטשיק", „די ליכטעלעך", „דער נר־תמיד",—און ערשט אַן אַלט יידיש פאָלקס־ליד! — ווערט וואַרעם און היימיש אין יעדן יידישן הארץ, ווי אָפּגעפרעמדט ס'זאָלן שוין נישט זיין, ווען ביי זיין טאַטע־מאַמען, ביי זיין באָבע־זיידן האָט נאָך געטליעט אַ פונק יידישקייט.

לייענענדיק פרצעס „מקובלים", מענדעלעס „הבין יקיר לי אפרים" — ווערט נישט דאָס צעריסענע געמיט פול פון דער גאַנצקייט פון דער יידישער האַרמאָניע? שטייגן נישט אויף די הדרת־פנימדיקע צורות, ווי די רעמבראַנדישע פאָרטרעטן, פול מיט כאַראַקטער און נשמה לויטערקייט?

מיר דערמאָנען נאָר די שאַפונגען וואָס האָבן אַ שייכות צו מוזיק צו יענעם אוממיטעלבאַרן צווייג אין דער קונסט וואָס מ'קאָן אים אויפנעמען אויפן

לייכטסטן און אוממיטלבארן אופן—מ׳ברויך גארנישט צו טון, נאר צוצוהערן, זיין א שב ואל תעשה; די ערשטע מעגלעכקייט פאר פסיכישן קענען געזונט ווערן . . .

שלאגן מיר פאר קודם א מינימום־פראגראם פאר יידישע גייסטיקע דערציאונג: א האלבע שעה אין וואך צו זינגען פאר און אויך מיט די יידישע שול־קינדער יידישע פאלקס־לידער. „די יידישע עדיוקיישאן קאמיסיע" זאל עס אויפנעמען אין איר פראגראם; אויב זי מיינט עס ערלעך מיט איר רעליגיעזע־דערציאונג, וועט עס אויך זיין צום נוצן אויך פאר איר: די „אווענט־קלאסעס", די תלמוד־תורה׳ס וועלן נישט פון חודש צו חודש אלץ ליידיקער ווערן—די היימישע נאנטע און הארציקע לידער וועלן צוציען און פארבינדן די קינדיש הערצלעך איינס מיטן צווייטן—זיין יידישע דערציאונג וועט אים נישט מער זיין לעול ולמשא, ס׳וועט קיין ווידערוויל נישט מער דערפילן ווי צו אויפגעצווינגענע זאכן וואס גייען אים, דעם קינד, גארנישט אן—מ׳וועט אים געבן זיינס, זיין טאטנס, זיין זיידנס און ער וועט זיך פרייען.

און אויב, אז אזא שפילנדיקע מינימום פון יידישע גייסטיקע דערציאונג זאל אויך נישט מער מעגלעך זיין, נאר ווי א פאנטאזיע, איז א וואונדער אז מיר קוקן אויס אזוי קאמיש אין דער וועלט, אפילו ביי יענע קולטור־פעלקער, וואס שטייען שוין פריינטלעך מיט אונז? אז מיר זיינען א נידריקשטייענדיק פאלק אן קולטור (נאר מיט עפעס אן אייביק פויל איינרעדעניש פון עפעס א קולטור־ירושה!), ווי אזוי קאנען מיר פארלאנגען אמתע פריינטשאפט פון פעלקער וואס באמיען זיך מיט שווייס פון זייער פנים יעדן מינימום־דערגרייכונג און קולטיווירונג פון זייער קונסט און שאפן? און איז עס אמת, אז מיר האבן קולטור און מיר שעצן זי אזוי גרינג נישט זי צו ענטוויקלען און נישט זי צו באשיצן, איז עס דאך א באווייז פון נאך א טיפערן מעמד פון א פאלק.

נאר איין ביישפיל: א קינד פון דער „יסוד התורה־שול" (א ק. ק. שול אין סטעמפארד־היל), פון עדת־ישראל גימנאזיע (מיר רעדן נישט פון עץ־החיים ישיבה, צי פון דער רבי שניידערס, צי פון דער רבי פיעקארסקי ישיבה, אדער פון די מסבתות אין גייצעט און שטייך, וואס ס׳איז תורתם ומנתם אין ש״ס און פוסקים איז זייער איינציקע קולטור), ווייסט דאך מער פון מינדסטן ענגלישן פאעט ווי פון אונזער גאנצער ליטעראטור. א מיידל ארויסגעוואקסן פון יענער דערציאונג צי זי איז „קאפאבל" אויפצוהאלטן „טהרת־משפחה" מער ווי א מיידל ארויסגעוואקסן פון א יידיש־וועלטלעכער שול אדער עברית־בעברית תלמוד־תורה, בין איך נאך גאר נישט זיכער; נאר אז די קולטור פון אזא יינגל, ווען ער וועט אויפוואקסן, איז נישט קיין סך מער ווי א כשר־אונטערגעטשעשעטע קלין־בערדל—איז קיין שום ספק נישט!

איז א וואונדער, אז מיר זעען אזוי קאמיש אויס אין די אויגן פון קולטור־פעלקער, אפילו פון יענע וואס שטייען פריינטלעך צו אונז?

לייענענדיק דעם „סוחר פון ווענעדיק" איז מיר דער העלד שיילאק, ווי א ייד און א מענטש זייער סימפאטיש געווען און אויך דער מחבר זיינער, דער



ענגלענדער שעקספיר איז מיר געווען ביז גאר סימפאטיש, נאר צוקומענדיק צו דער סצענע פון „יענער נאכט", איינער פון די שענסטע שטעלן אין דער וועלט ליטעראטור האב איך מיט אמאל דערשפירט שעקספירס אומסימפאטיש געפיל צו אונז און איך האב מיך דערפילט אזוי דערנידריקט, ווייל ער, דער גוי, דער גאון שעקספיר האט דערזען אונזער גאנצע שפלות: „א פאלק אן מוזיק!"

יא, דער גרויסער שעקספיר, דער באראק־מענטש, וואס האט דעם כוח געהאט פונם גאטיש־קריסטלעכן „טריאליזם" צו שאפן אן אייניקייט פון אייראפעאישע גייסטיקע שעפערישקייט, האט דאך געמוזט דערפילן אן אומסימפאטיע צו א פאלק, וואס האט דעם מינימום פון קולטור, פון פרימיטיוון פאלקסליד אפילו, נישט געקאנט ארויסשאפן פון אזא מאנאטעאיסטישע רעליגיע ווי די יידישע. א פאלק אן מוזיק איז דאך נישט נאר נישט פסיכיש־גייסטיק צעריסן נאר שטעקט דאך נאך צומאל אין די שטארקסטע פסיכאפאטישע געפארן — —

א, די וואונדערלעכע עטיש־עסטעטישע און געפארעמטע פערזן „אין יענע נאכט". ווי אומרואיק האבן זיי אויפגעציטערט אין מיר מיט זייער קאנדענסירטער אומסימפאטישקייט צו אונז . . .

אבער אז אונזערע ליטורגישע מוזיק, אונזערע מעלאדיעס, האבן זיך געקאנט אזוי וואונדערלעך אויסשטראלן אויף אונזער אויסגעמאגערט סקעלעטן־לייב, אויפן חוט־השדרה פון אונזער אויפגעציטערטן לעבן, ווי אויפן פיינסטן וויאלענטשעלא,—יענע פידלען אויף די ווערבעס פון בבל ווי האבן זיי דאס זיך צעשפילט מיט פאלקס־לידער און חסידישע ניגונים! — האט אפילו נישט געקאנט זיך פארשטעלן אזא גאון ווי שעקספיר; ווייסן עס דאך נאך נישט היינט אפילו אונזערע אייגענע „גאונים" . . . אבער מיר האבן יעצט שוין — און עס האלט ערשט ביים בראשית—א יידישע מוזיק מיט די שענסטע פאלקסלידער און טיף גייסטיקע פאלקס־מעלאדיעס, וואס יעדע איינע קאן פון יידישע מוזיק־קינסטלער,—און מיר האבן זיי שוין, ווי אחרון, ענגעל, קריין, אויך בלאך קאן צוגערעכנט ווערן! — זיך ענטוויקלען און ארויסוואקסן צו א הערלעכע סימפאניע — —

און מיר וואס גלייבן אין שאפן פון דער יידישער קולטור און אין דער קולטור פון דער מענטשהייט בכלל, זיינען מיר זיכער (נישט נאר אין אזא מינימום פארשלאג!), נאר אז אויב די פריינטלעכע קולטור פעלקער מיינען באמת אוועקצומאכן מיטן אנטיסעמיטיזם, וועט מען אויך אונזער מאדערנע קולטור, קודם כל די יידישע מוזיק, אויפנעמען אינם פראגראם פון דערציאונג — ס׳איז דאס גייסטיקע שאפן פון א פאלק, וואס נעמט אוועק דעם מיסטרויען פון איין פאלק צום צווייטן און שאפט די געהעריקע און נויטיקע סימפאטיע אין זייער פרידליכן און פריינטלעכן צוזאמענלעבן. און ווי איז דאס נויטיק לגבי אונזער פאלק.

# דאס געשאפענע יידיש

(עסיי)

פאַר יעדן פון אונז, וואָס ייִד זיין׳ ייִדנטום, איז נישט נאָר אַ הוילער פאַרטייאישער ענין, אַ קולטיש־נאַציאָנאַלער, אָדער אַ צערעמאָניאַל־פאַרפראַקטישטע „יאַ אָדער נישט זיין״־מיסיאָן — זיך דרייען צווישן די פעלקער דער זעלבער „מאָשקע״, נאָר מיט אַ פאַרדרייטן קראַגן — דער זעלבער מנחם מענדל, נאָר אין רוסיש או עברית... פאַר דעם וואָס ייִד־זיין איז זיין עקזיסטענץ, זיין אינערלעכער מהות,— אונזער נצחיות, וואָס וויל נישט בלייבן קיין ליגנט! אונזער גורל וואָס מאַכט אונז צו אויסדערוויילטע! — פאַר דעם איז עס קלאָר אין זיין אינערלעך באַוווסטזיין, אַז די גרעסטע שאַפונג אונזערע, אין די לעצטע טויזנט יאָר, איז עס די ייִדישע שפּראַך; נישט נאָר די ייִדישע ליטעראַטור, אָנגעהויבן מיטן פאָלקס־ליד און פאָלקס־מעשה, וואָס איז געשאַפן אין איר, נישט נאָר דאָס חסידות, שוין אָנגעהויבן מיטן „ספר חסידים״, וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן אין איר, נאָר פשוט די ייִדישע שפּראַך גופא איז די גרעסטע שאַפונג אונזערע אין די לעצטע טויזנט יאָר. און נישט נאָר אונזערע — עכטע גרויסע שאַפונגען, ענטדעקונגען, התגלות איז צום נוצן פאַר אַלע מענטשן, פאַר דער גאַנצער וועלט.

וואָס איז דען אַזוינס דאָס שאַפן פונם מענטש בכלל אין זיין טיפסטן תוך גענומען? דעם ערד־קיילעך, דעם שווערן פינסטערן כדור־הארץ, דעם „הר־כגיגית״, וועלכער וויל אים מיט זיין פינסטערער משא דערדריקן, וויל ער, דער מענטש, אַרומנעמען מיט אַ גייסטיקער אַטמאָספערע —

ליבע און גערעכטיקייט, אחריות און געוויסן, זיי זיינען דאָס יענע עטערישע וועלן פונם געלייטערט מענטשלעכן הארץ, אַרויסגעקוואָלן ערגעץ אין סיני־וויסטעניש אויף אַ באַרג, צוזאַמענגעפלאָסן אין אינדיען ביי אַ טייך, אויף די עגעאישע אינזלען יעטווידן שטיין צו אַ שעפּ־געפּעס אויסגעהאַקט, און עס פליסט שוין אַזוי פון מויל צו מויל, וווּ ער זאָל זיך נישט געפינען דער מענטש, ביזן היינטיקן טאָג.

עס זיינען יענע געלייטערט קלינגענדיקע טענער, וואָס האָבן זיך געעפנט ווי אַ קוואַל אינם געבליט פונם מענטש און האָבן זיין אויפבראַזנדיק הארץ אים געשטילט, ווי אַ צוטוליענדיק קינד עס איינגעוויגט און טוען עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

עס איז די זון, אין איר שטראַלן־געקריז, וואָס אין גבעון האָט זי שוין אַ מענטש פעסט געהאַלטן, און אויפן בלוטיקן וועג, וואָס האָט געפירט נאָך טראָיאַ, האָט זי אויפגעשפיגלט מיט איר גאַנצער שיינקייט, און נאָך איצט, אין אונזערע טעג, האָט זי ווינצענט וואַן גאָך, אין זיין משוגעת, מיט זיין פינזל אויף אַ שטיק ליווענט פאַרשפּינען, מיט ליבע און מיט גערעכטיקייט, אַז ס׳זאָל כאָטש אַ ביסעלע ליכטיק זיין אויף אונזער פינסטערן פּלאַנעט.

מיט אַ גייסטיקע ליכטיקע אַטמאָספערע אונזער ערד־קיילעך שטראַלענדיק אַרומצונעמען, דאָס איז דאָס גאַנצע שאַפן פון די עטיק און די קונסט. (אויך די



וויסנשאַפט, ווען זי איז שעפעריש איז זי אויך נישט עפּעס אַנדערש). און נעמט נישט אַרום אַ פסוק פון תנ״ך, אַן אַרויסגערעדטער זאַץ פון בודהאַ, אַ פאַרשריבענער פון פּלאַטאָ, די גאַנצע וועלט ווו נאָר מענטשן זיינען; צייט־ און אָרטלאָז, גייסטיק אַטמאָספעריש ביז אין זיין טיפסטער אינערלעכקייט, איז דער גלגל־הארץ, אונזער ערד־קיילעך, שוין געווען נאָך איידער ס׳האָבן אים אויבערפלעכלעך אַרומגענומען די טעכניש־פּראַקטיצירנדיקע פּראַקטישע ראַדיאָ־וועלן.

די עגיפּט.שע נעפראַטעטע, די ווענוס פון מילאָ, די סיקסטינישע מאַדאָנאַ, די מאָנאַ־ליזאַ, זיינען זיי נישט אַ באַשטימטע פאַרשטעלונג שוין פונם היינט־ציטיקן גייסטיק־דורכשניטלעך אויג, פונקט ווי געוויסע סימפאָנישע קאָנצערטן פאַר אויער?

דאָס איז די גייסטיקע אַטמאָספערע, וואָס די שעפערישקייט פון מענטש האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען, איינער מיטן צווייטן זיך אַרומצונעמען, — אין מיליאָנען זיך גייסטיק צו פאַרבינדן! — די איינִיקייט פונם קאָסמאָס אין זיך ווידער צו דערשפירן, די פאַרבונדנקייט מיט די נאַטור ווידער צו דערפילן, זיין אַ טייל פונם גאַנצן אַרום — אין דעם עטער־שטויב פון מיליאָנען וועלטן זיין מיטבאַהאַפטן, דאָס איז שעפערישקייט!

אָבער דינער נאָך פונם פיינסטן זיידן־געשפין און פיינער נאָך פונם דינסטן שפינען־געוועב איז דאָס גייסטיקע, וואָס שוועבט איבער אונז; מיט אַ מענטשלעכן מינדסטן פינגער נישט צו באַרירן, פון אַ צו שאַרפן געשפיצן בליק ווערט עס שוין דורכגעריסן — — — אַ נס נאָר וואָס סיזיפוס און טאַנטאַלוס און דער ראַנגלענדיקער איוב איז איינער פון אונז! און ווי יסורימדיק און נסיונותדיק דער קאַמף פאַרן גייסטיקן זאָל נישט זיין איז דער מענטש, שוין דעמלט, ביים בראשית פון זיין געראַנגל, איז ער שוין זיכער געווען, אַז לעבעדיק פון דעם קאַמף וועט ער אַרויס — אפילו דער שטן מיט זיין גאַנצער אינטריגע און פאַלשקייט איז מיט־אינטערעסירט שוין צו באַהיטן דעם הוילן מענטשלעכן נפש —

איז עס דאָך די ביבל געווען, וואָס איז געוואָרן דער קנין פונם דורכשניטלעכן מענטש, דורכדרינגענדיק די הערצער פון איבער דער גאַנצער וועלט; ס׳זיינען אירע תהלים־קאַפּיטלעך געווען, פול מיט האָפערדיקייט און פאַרטרויען, וואָס האָבן געפלאָסן פון אַלעמענס ליפּן אין נויט און אין פרייד; ס׳זיינען די מעשׂות פון די ייִדישע פּאַטריאַרכן, זייער איבערמענטשלעכע ליבע און רחמנות געפיל, וואָס האָבן קינדלעך אָנגעפילט אַלעמענס געמיטער (עס איז נישט נאָר, ווייל די עלויזעאישע סאַטיר־געזאַנגען און עליאַדע־העלדן זיינען צו גייסטיק און צו שטאַרק פאַרן דורכשניטלעכן מענטש — עס איז דאָס פאַרטרויען און די ליבע, וואָס איז געווען נענטער צום פשוטן הארץ!) —

אָבער דאָך האָבן די ווירוך־קעסלען פון קאַטעדראַלן נישט איינמאָל איופּגעהאַמפּט אין איניקע לענדער, זינגענדיק דעם זעלבן ביבלישן פּסאַלם, מיט פאַרניכטונג איינער דעם אַנדערן, און ווי שטיקנדיק פאַרוויכערט איז דאָס די

גייסטיקע מענטשלעכע אַטמאָספערע געוואָרן און — — אַזוי ביזן היינטיקן טאָג!

און מיט די אַנדערע מענטשלעכע גייסטלעכע און גייסטיקע שאַפונגען געשעט עס דען אַנדערש?

און די קונסט אין אַלע אירע פאָרמען, די מאַלעריי, די מוזיק, די פּאָעזיע? האָבן נישט די דיכטער, און די ריינסטע, אין אַלע שפּראַכן, געזונגען האָס־לידער ווען די אַטמאָספערע צווישן פעלקער איז אַן אָנגעשטרענגטע געווען — — און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג!

שאַפן איז תמימותדיק הייליק — די פאַרבינדונג פון מענטש מיט מענטש; די דערבאַרעמונג פון איינעם צום צווייטן; אין דער געוואַלטיקער איינזאַמקייט פונם קאָסמאָס, מוטערלעך אויפגענומען צווישן אַלע אירע קינדער אין שויס פון דער נאַטור ווי נאָנט איז דעמלט יעטווידעס גרעזל, יעדעס געוויקסל, דער האַרטסטער שטיין איז צוקאָפּנס ווי די אייגענע פויסט, און די אויגן היפּן מיט, שפּרינגען מיט, מיט יעדן פייגעלע, מיט יעטווידן מינדסטן חיהלע — — אָבער אייביק מישט זיך אַריין דער שטן און די אייגענע הענט צערייסן דעם הייליקן בונד, דאָס אייגענע אויג פאַרשפּיצט זיך מיט מיסטרויען. און וואָס איז שוין דעמלט ליבע און געוויסן און אחריות און גערעכטיקייט? און וואָס זיינען שוין אַלע קונסט־פאָרמען ווען דאָס אַלץ איז אין זיי נישטאָ? געפעסן פון וועלכע סאָקראַטעס טרינקט אויס דיין גיפט! גייסטיק שאַפן איז דער אייביקער גע־ראַנגל מיטן פינסטערן מלאך ביז די זון גייט אויף; יענע אויסגעחלומטע יעקב־לייטער, וואָס כסדר גייט מען אויף איר אַרויף און אַראָפּ, און נישט איינמאָל שוין אַרויפגעקלעטערט אויפן העכסטן שטאַפּל, פאַלט מען מיט איינמאָל אינגאַנצן אַרונטער.

דאָס איז דער וועג פון אַלע קולטור־פעלקער; וואָס פאַראיידלטער, וואָס קולטיווירטער ס'ווערן זייערע שאַפונגען, זיינען זיי נישט מער פון און פאַרן דורכשניטלעכן פונם פאָלק געשאַפן; טראָגן זיי נישט מער דאָס קאָלעקטיווע פון אחריות און געוויסן, האָבן זיי נישט מער די פּשטות פון ליבע און גערעכטיקייט־געפיל, איז וואָס ס'בלייבט דאָך איבער, דאָס אומשטערבלעכע, זיינען עס די התגלות, די ענטדעקונגען צום נוצן פאַר אַלע מענטשן.

און אויך דאָס איז געווען אונזער וועג און אויך דאָס אומשטערבלעכע, דער בלוטיקער שליאַך פון אונזער גאַנג, און דאָס איז אונזער נצחיות, ווייל אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל צוטרויען; און ווייל אַזוי פיל געוויסנס־גערעכטיקייט האָט געמוזט זיין דערפאַר אַזאַ אחריותדיקע פאָלקס־פאַרבונדנקייט — דאָס איז דאָס יענע גייסטיקע אַטמאָספערע, וואָס האָט אַזוי אַרויסגעקוואָלן מיט אַזאַ פּראָסטקייט און תמימותדיקע פּשוטקייט פון אונזערע הערצער, אַרומצונעמען דעם גאַנצן ערד־קיילעך, און אויך דאָס נעמט אונז ווידער כסדר צוזאַמען אין קרייזנדיקע טוליענדיקע סטאַדע; און פאַרלירנדיק (אַלץ מאַסע!) אונזער אַלטע העברעאישע שפּראַך — ווייל אַלץ פאַראיידלטער און קולטיווירטער! — האָט זי נישט געקאָנט זיין מער דער קנין פאַרן גאַנצן פאָלק, האָבן זיך ווידער אונזערע הענט, פּראָסט און תמימותדיק, צעשטרעקט מיט גערעכטיקייט און



מיט ליבע — יאָ, ווי זיי האָבן דאָס צעציטערט מיט אחריות פאַר יעדן מענטש און מיט צוטרויען צו יעדן; דאָס שטאַמלדיקע און כאַרכלדיקע לשון אונזערס מיט דעם צעצאַפּלטן הענט־געציטער די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען — — נעמט נישט אַרום איצט, אונזער יידישע שפּראַך, דעם גאַנצן כדור הארץ, ווו נאָר אַ מענטשלעכער פוס קאָן אים באַטרעטן, מיט אַ גרויס דערבאַרעמונג אַצינד פון איינעם צום צווייטן, מיט געבעטן פון איינעם איבערן אַנדערן? איז דער גאַנצער קיילעך־ערד נישט איצט אויפגעציטערט מיט אונזערע הערצער פון איין ברודער צום צווייטן, פון איין שוועסטער צו דער אַנדערער? איז דען אַ פּיצעלע אָרט פאַראַנען נאָך איבער אַלע קאָנטינענטן, ווו דער בלוטיקער שליאַך אונזערער איז נישט צעפלאָסן איצט פון אונזערע אַלעמענס אויגן? און איז דען פאַראַן אַן אויער, דאָס פאַרשטאָפּטסטע, ס'זאָל נישט צעהילכט זיין מיטן געכאָרכל פון אונזערע געקוילעטע, מיטן ווידער־קול פון זייערע געשרייען?

די אַלע וועלט־שפּראַכן, ווי אונזערע לשון־קודש'דיקע תפילות טויזנטער יאָרן שוין, ווי לאַטיין, אין וואָס די קאַטוילישע קירכע האַלט זיך אַזוי שטרענג, און ווי איצט עספּעראַנטאָ וכדומה, אין וועלכער פּראָגרעסיווע מענטשן אינטערעסירן זיך אַזוי שטאַרק, האָט אין זיך דעם הייליקן ווילן צו קאָנסטרואירן אַזאַ מין רעליגיעז־גייסטיקע פאַרבינדנקייט צווישן פעלקער און פעלקער, צווישן קאָנטינענט און קאָנטינענט. אָבער אונז איז עס דאָך אַזוי לעבעדיק־נאַטירלעך געלונגען, אַזוי אומבאַוווּסט־אינטואיטיוו ווי עס געלינגט יעדער עכטער שעפערישער התגלות — — —

עס איז אונזער גרויליקער גורל, אָבער ס'איז ווידער אויסדערוויילטקייט אין דעם! דאָס לעבעדיקע געשאַפענע, וואָס מיר זיינען געוואָרן — מיט אונזערע העויות און תנועות און מיט אונזער גאַנצן לייב און לעבן! די גאַנצע וועלט אַרומצונעמען מיט אונזער ליבע־ און גערעכטיקייט־געשריי, מיט אחריות פון יעדן איינעם צום צווייטן, און סוף כל סוף מיט צוטרויען צו אַלע מענטשן — עס וועט ווידער ווערן צום קנין פון אַלע מענטשן, ווען אונזער שפּראַך וועט ווידער ווערן צו פאַראיידלט, צו קולטיווירט, און וועט נישט זיין מער דער קנין פון יעדן איינעם פון אונזער פאָלק — — אונזער שפּראַך טראָגט ווידער אין זיך דעם זוימען פאַר אונזער גייסטיקע נצחיות, ווייל אַזוי פיל ליבע און אחריות, אַזאַ מסירות־נפשדיקער פאַרטרויען און פּראָסטע תמימותדיקייט.

---

## פּראָפעסאָר ל. פּאַסטערנאַק און אַרטור סעגאַל

1

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, וואָס דער יידישער מאָלער, נישט נעפינענדיק קיין אָנערקענונג פאַר זיין שאַפן ביי זיין פאָלק, איז ער ממילא געבליבן פרעמדלעך און ווייטלעך פון דער יידישער גאַס. די צייט אָבער פון מוזן אַנטלויפן אינגאַנצן פון אונזער מחנה, (ווען די הויפּט־טעמע

אין דער מאָלעריי איז נאָך בעיקר געווען דאָס קירכן בילד און די איקאָנע, צי אפילו די גריכישע מיטאָלאָגיע) איז אָבער שוין כמעט פארביי, ווען ביי אונז פארבלייבן שוין אזעלכע וועלט נעמען ווי איזראעלס און פיסארא. אויב ס׳געשעט נאָך אז א קינסטלער ווי אמאָל לעוויטאן, ווי יעצט מארק שווארץ, * גייען אינגאנצן אוועק פון אונז, איז עס זיכער צוצושרייבן מער אן אייגענער פסיכישע קראנקהאפטיקייט, ווי אן אבסאָלוט נויטווענדיק קינסטלערישן אינסטינקט.

אָבער גאנץ פארשטענדלעך איז עס, אז ביז שאגאל האָט אויסגעטרעטן הירשנבערגס „גלות־וועג“ איבער די „וויטעבסקער רעבער“, מיט זיין עלאַסטיש־זשאָנגלירנדיקע יידישלעכע אייגנארט, ביז דעמאָלט איז נישט בלויז אין מערב־אייראָפּע, נאָר אפילו אין מזרח־אייראָפּע, ווו דאָס יידישע לעבן האָט געטומעלט, יידישע קולטור און יידישן שאפן האָט געבליט, אין איר היימיש ווארעמע אטמאָספערע, איז דער יידיש עסטעטישער מאָלער און ריינער פאָרעם־קינסטלער, זיך האַלטנדיק פרעמד אביסל צום רעאַלן לעבן בכלל, איז ער געבליבן אָפּט נאָך פרעמדער דעם יידישן לעבן. קיין גרויס פארשטענדניש פאר מאָלעריי, א חוץ אפשר פאר א טענדענציעז נאציאָנאל זשאנער בילדל, איז אויף דער יידישער גאס מיט א צוויי דורות צוריק נישט געווען,—עס איז היינט, אין אונזער דור אויך נאָך נישט זייער שטארק ענטוויקעלט! — איז ממילא די פרעמדקייט זייערע זער נאטירלעך.

און דער טרויעריקער פאקט איז נישט נאָר בלויז אונזער טראגיק, די טראגיק פונם יידישן שאפן, נאָר אָפּטמאָל ווערט עס צום פערזענלעכן גורל פון קינסטלער גופא. און וואָס גרעסער זיי זיינען און וואָס מער זיי ענטוויקלען זיך וואקסט א וואקום אין זיי אלץ ברייטער און טיפער און זייער איינזאמקייט לגבי דעם לעבן אלץ פרעמדער, זיי ווערן מיט דער צייט אלץ מער אבסטראקטער מאניערירט און דעקאדענטישער.

און וויפיל זיי זאָלען נישט זוכן פון איין זייט די התקרבות צום פאָלק אין וועלכן זיי לעבן, זיך צווינגען איינצוואָרצלען אין דעם באָדן פון וועלכער זיי זיינען ארויסגעוואקסן, און פון דער צווייטער זייט אויפצונעמען ווירטואָזיש־אומיטלבאר (איינס פון די יידישסטע אייגנארטיקייטן אין דער אייראָפּעאישער קונסט....) דאָס קענען פון פריערדיקע קינסטלער גאונים, שוועבט איבער זייער קונסט אָפּט די געפאר פון מעכאנישקייט און טעכניק און פון צופיל פסיכישקייט און טעמא.

אז טינטערעטאָ, רעמבראנד, וואלאסקעס, אז זיי קומען צו צו דער רייפקייט פון זייער קענען, צום אומפאסן א ריינע טעמא, זעט מען ממש אז צוזאם מיט זייער געפונענעם נייעם פאָרעם־אויסדרוק, מיט זייער איינלעבן זיך אין א פרע־היסטאָרישן־אָדער אין א פאָליטיש־דינאסטישן מאָטיוו, וואקסן זייערע אייגענע כחות — טיף־וואָרצלענדיק אין זייערע אייגענע

* וועלכער וווינט אויך דאָ איצט אין לאָנדאָן ווי א פליט פון פאריז.





שאול טשערניכאָווסקי פון פראָפעסאָר ל. פאסטערנאק

פעלקער, ציען זיי פון דאָרטן זייערע כוחות! אונזערע יידישע מייסטער, אָבער, פון די פריערע דורות און אויך איצט נאָך, אָנגעוויזן אויף זיך און אויף זייער איינזאַמקייט וועט זייער שאַפן זייער אייגענער שווערער גורל און די טראַגיק, אָפט, פון דער יידישער קונסט.

אָבער מיט די מייסטער האָבן מיר אין דער יידישער מאָלעריי באַקומען, און באַקומען ווייטער אַלץ מערער פאָרעם־געפיל,, טעכנישן אויסדויער און עסטעטישן געשמאַק.

2

ליידער קען מען דאָ נישט זען די אָריגינעלע בילדער פון פּראָפעסאָר ל. פאַסטערנאַק, איינער פון די מיטבאַגרינדער פון די מאָדערנע רוסישע מאָלעריי, זיינע באַרימטע זשאַנער־בילדער און פּאָרטרעטן־קאָמפּאָזיציעס, וועלכע האָבן אין זייער צייט, פאַר אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק, געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק, און הענגען אין די גרויסע רוסישע גאַלעריעס און מוזעאומס.

פון די פאַרבנלאָזע רעפּרעדוקציעס, ווי פון אַ מאַטן שפּיגל אַרויס, קאָן מען נאָך זען די פיינקייט און באַלאַנסירונג פון יעטווידן פאַרב־פלעק און שטריך און די גענויע אויסגערעכנטקייט און אויסגעהאַלטקייט פון מאָס און פּראָפּאָרציע. מ'קאָן נאָך דייטלעך אַרויסזען דעם געשולטן קלאַסיציסט און פעראַנטוואָרטלעכן אַקאַדעמיקער, וואָס באַגרייפט דעם נייעם שטראָם פון דער צייט און נעמט אים מוטיק אויף ווי אַ מיטקעמפער. אָבער מיט דער גראַציע פונם עסטעט, נישט צו שטערן די סימעטרישע האַרמאָניען! די פאַרביק־טענענדיקע מוזיקאַלישקייט, וואָס מ'שפּירט אַרויס פון דער גאַנצער אייראָפּעאיש־מענטשלעכער האַלטונג און אויפפאַסונג זיינע, איז פּסיכיש־פאַרטיפט ביז אין די פינגער־שפּיצן.

מ'ברויך נאָר אַדורכצוליינען ח. נ. ביאַליקס באַגייסטערטע עסיי איבער פאַסטערנאַקן, כדי, צוזאַם מיט אונזער נאַציאָנאַלן דיכטער צו זיין שטאָלץ אויף דעם מייסטער פון דער רוסישער מאָלעריי, דעם באַרימטן פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער קעניגלעכער אַקאַדעמיע, דעם נאָענטן פריינט פון לעוו טאָלסטאָי. אָבער אויף וויפיל מ'קאָן אַרויסלעזן פון ביאַליקס עסיי און אויך פון די אייניקע פון די רעפּראָדוקציעס, געהער פּראָפעסאָר ל. פאַסטערנאַק אויך צו דעם מין יידישע קינסטלער, וועלכע זיינען נישט נאָר געשטאַנען פרעמדלעך און אַ ביסל מן הצד פון אונזער יידישער גאַס, נאָר אויך געבליבן פאַרפרעמדט און אַביסל אין דער זייט צווישן „זיין“ פאָלק.

אויב מען וויל געפינען דאָס יידישע אין פאַסטערנאַקס מאָלעריי זיינען עס נישט די צוויי טעמעס, וועלכע ב י אַ ל י ק דערמאָנט,—און האָט דערביי געוואַלטיקע טענות הלמאי, נאָר צוויי, און נאָך גרעסערע טענות האָט ביאַליק הלמאי אַזעלכע קינסטלער געבן אַוועק זייערע כוחות פרעמדע פעלקער.—(די טענות מוזן מיר האָבן מער צו אונז אַליין ווי צו די קינסטלער—זאָלן מיר זיך אינטערעסירן מיט זייער אַרבעט





זעלבסט־פּאָרטרעט פון פּראָפעסאָר ל. פּאַסטערנאַק

װעלן זײ אַרבעטן פֿאַר אונז...) טאַקע דאָס פֿאַרטיפֿן זיך, דאָס קענען זיך אײַנלעבן אין דער פּסיכיק פֿון אַ פֿרעמדן פֿאָלק, טײלן זײַנע פּראָבלעמען מיט ליבשאַפֿט און מיט הילף, גאַנץ קענען אַרױסגײן פֿון זיך און „גײן" אין פֿאָלק",—אין אַ פֿרעמד פֿאָלק! — דאָס איז דאָס ייִדישע און ייִדישלעכע.

און איבערהױפּט דער פּסיכישער־אָביעקט איז אױך אָפּטמאָל אַ סמן מובהק פֿאַרן ייִד—דאָס רײן־חושימדיקע, דאָס עכט־קלאַסישע, דאָס העלעניסטישע, מיט די בלױזע הענט אָנצוטאַפּן, מיטן נאַקעטן אױג בלױז עס צו דערזען, איז אַלץ נאָך פֿאַרן ייִדישן קינסטלער „סמל", האָט אַלץ נאָך פֿאַר אים דעם בײגעשמאַק פֿון אַן אָפּגאָט און זײַנע הענט רירן זיך נישט דערצו; זײַן קונסט מוז עפּעס האָבן אַ פּסיכישע מיסיע.... אַן אינערלעכע װיזיע װאָס איז שטאַרקער פֿונם „לא תעשה".

דאָס איז דער גורל פֿונם עסטעט, פֿונם פֿאָרעם־מענטש, פֿונם ייִדישן קינסטלער, זײער אײגנטלעכער באָדן איז די קונסט גופֿא; פֿון דאָרטן אױס „גײען זײ אין פֿאָלק", װען זײ װערן רעאַליסטן; זײער דערצױגענער פֿאָרעם־געפֿיל און עסטעטישער חוש האַלט זײ שטענדיק צוריק פֿאַר אַ לעצטן שריט פֿון דער אַקאַדעמיע אַרױס.

3

אַרטור סעגאַלס טראַגיק, װי אַ קינסטלער און װי אַ ייִד, איז נאָך אפֿשר פֿיל שטאַרקער! סוף כּל סוף איז ל. פּאַסטערנאַק פֿון אָדעס, װי דער קאָכעדיקער טומל פֿון ייִדישן לעבן, װו די אַטמאָספֿערע פֿון ייִדישן גײַסטיקן איז אָנגעגליט ביז צום העכסטן גראַד, געבױרן און דערצױגן אין אַזאַ שטאָט איז װי מ'זאָל נישט אָפּשליסן זיך פֿון ייִדישן לעבן װערט מען סוף כּל סוף דערמיט אָפּגעזאַפּט. און לעבנדיק 30 יאָר אַלץ פּראָפֿעסאָר פֿון דער מאָסקװער אַקאַדעמיע, אין האַרץ פֿון רוסלאַנד און אַזױ נאָנט מיט טאָלסטאָי, דעם דעמב און ריז, װאַקסט מען שױן ממילא אַרײַן אין אַ פֿאָלק.—

אַרטור סעגאַל איז װי אַ טאַלענטירטער ייִנגער מענטש, „אַ פֿרײַער קינסטלער", װי ס'האָט אין יענע יאָרן נאָך דײַטלעכער און באַדײַטענדיקער געקלינגען, איז פֿאַר איבער 50 יאָר געקומען פֿון יאַסי קײַן בערלין — דאָס רומענישע און דאָס ביסל ייִדישע פֿאַרלירנדיק שנעל אין בערלינער נישט גײַסטיקן „װעסטן־ייִדנטום", װערט זײַן גאַנצע גײַסטיקע װעלט, די אינערלעכע װי די אױסערלעכע: מאָלערײַ! די קונסט װערט זײַן הײם, זײַן מקום־מקלט — און װאָס פֿאַר אַ געװאַלטיק רױשיק צעטומעלט לעבן דעמאָלט!

די אײראָפּעאישע מאָלערײַ, בעסער געזאָגט, דער פֿראַנצױזישער עקספּרעסיאָניזם אין זײַן העכסטן גלאַנץ—אַלץ װאָס פֿרײַער שטײט אין שאָטן פֿאַר זײַן נײַע־ענטדעקטע ליכטיקײט! נעמט זיך די דײַטשע שולע דעמאָלט שטאַרק צום עקספּערימענטירן — דער טעכנישער װעג (און אױך דײַטשיש עכט...) צו נײַערע ענטדעקונגען—און אַזױ גײט אַ סדרה: פֿון נאָך נישט גוט





אַ דאָרף קאַפֿע אין שפּאַניע, פֿון אַרטור סעגאַל.

אױסגעלערנטן, נאָך נישט פֿאַרטיפֿט און פֿערפֿײנערט דעם רעאַליזם־אימפּרעסיאָניזם איז שױן דאָ דער דײַטשער עקספּרעסיאָניזם און פֿוטוריזם, קוביזם־דאַדיזם א.ז.װ., א.ז.װ.

אַרטור סעגאַל צײכנט זיך אױס אין די אַלע שולעס, מאַנכע בילדער פֿון יענער עפּאָכע געהערן צו די בעסטע פֿון סעגאַלן.

און אינם ברענפּונקט פֿון עקספּערימענטאַלע קונסט קומט סעגאַל צו זײַן פּריזמע־מאָלערײַ, ליכט־און בליק־פּונקט בילדער, ביז צום סוף צו זײַן „נײַ־זאַכלעכקײט". און אַזױ פֿון אײן עקסטרעם אין אַנדערן אַרײַן—פֿון עקספּרעסיאָניזם צו „נײַ־זאַכלעכקײט"! און מיט די דערפֿאַרונג פֿון צענדליקער יאָר; פֿון זײַן „סעגאַל־שולע" אין בערלין, װאָס דער פּראָבלעמאַטישער פֿאָרעם־קינסטלער אַרטור סעגאַל פֿון אַמאָל, בײַ זײַן אָנהױב, איז ער יעצט דער באַגרינדער דאָ פֿון „אַ שולע פֿאַר אַמאַטאָרן און הײלן זיך מאָלערײַ". זײַן „פּסיכאָאַנאַליזע מאָלערײַ" װי איך װאָלט זי אָנגערופֿן, האָט אין זיך דעם אױפֿטו פֿון אונזער בעטן זיך געזונט מיט יוצרות, מיט פּיוטים. מיט שאַפֿונג פֿון װאָרט־קונסט! און סעגאַל װיל העלפֿן דעם פּסיכיש־קראַנקן זיך אַרױסצואַרבעטן מיט מאָלערישע פֿאָרמען — זיך אַרױסאַרבעטנדיק צו אַ קינסטלערישע האַרמאָניע װערט אױך די נשמה האַרמאָנירט, דער אינערלעכער כאָאָס געאָרדנט, פּונקט װי דאָס צעװײטאָקטע האַרץ װערט געשטילט װען אַ שטיל



זעלבסט־פּאָרטרעט פון אַרטור סעגאַל

געבעט גיסט זיך דערפון ארויס; פּונקט ווי דוד המלך האָט געשטילט שאולס פּסיכיש־קראַנקע הארץ מיטן שפּילן אויף זיין פידל.

פאַסטערנאַק און סעגאַל זייער פאַרשידנקייט און אַנדערשקייט איינער פון צווייטן, זיינען אין תוך גענומען נאָר צוויי זייטן פון איין און דערזעלבער יידישער מטבע—צי דער חושימדיקייט אונזערע, צו וועלן אויפנעמען די וועלט מיט די פינף מענטשלעכע זינען, מישט זיך תמיד אריין דאָס איבערזינלעכע, דאָס פּסיכישע, דאָס גייסטיק־געדאַנקלעכע. בשעת פּאַסטערנאַק (ווי ליבערמאַן און אַ סך אַנדערע ריינע פאָרעם־קינסטלער) זיך פאַרטיפנדיק אין דער מענטשלעכער פּסיכע, ווערט זי אַ מיטבאַטייליקטע אין דער פאָרעם און שטראַלט ארויס ווי אַ ליכט עפעקט פונם בילד אראָפּ, זוכט דער פּראָבלעמאַטישער סעגאַל די טעכנישע פאָרמען אויפצולעזן אין ריין גייסטיקע און אַבסטראַקט געדאַנקלעכע, אַזוי אַז זיין זאַכלעך רעאַליסטיש געמאָלן שטיל־לעבן איז סוף כל סוף נאָר אַ טעכנישע קאָנסטרוקציע פון פּסיכישע האַרמאָניען.

מיט די מייסטער פון דעם סוג, אַביסעל וויטלעך פון דער יידישער גאַס,



אַביסל פרעמדלעך פון דער מחנה (אָבער נאָר אויסערלעך!) האָבן מיר באַקומען טעכנישן אויסדויער און עכטן פאָרעם געפיל — אָן אַ פּראָפעסאָר ל. פאַסטערנאַק, ווער ווייסט אויב ס׳וואָלט מעגלעך געווען אַ שאַגאַל, אַ סוטין, און אָן ארטור סעגאַל וואָלט אַ סך אָרעמער געווען דאָס יידישע קינסטלער לעבן און די מסיבה פון יינגע קינסטלער אַ סך ווייניקער אין דעם קונסט צעטומלט בערלין צווישן די צוויי וועלט־מלחמות.

---

## צו דער דייטשער ארמיי

און אַז מען וועט אַנהייבן אייך ערשט
צו טרייבן איבער דער פּוילישער ערד —
פון די שנייען אַרויס יעטווידער קזשאַק
און אויסגעשטרעקטע גליאיקע שווערד.

פלינקע סאָקאָלעס אויף צעשוימטע פערד,
אין נאַשטיכיקן און ווילדן געשווינד —
איבער דער ווייסל, איבער דער וואַרטע
די וועלדער אינם זאַווערוכע ווינד.

ס׳איז אין יעדן הויף דער ברונען אַצינד
אונטערן אייז אַ געמיינעוועט לאָך!
און יעדע פאַרווייעטע כאַטע
אויפצורייסן אַזאַ קופּע מיט פראָך!

אין האָך גוט־אַ, אַז מיר אַליין נאָך
די געטאָ־וענט מיר האָבן צעשטערט,
אַז קיין אייך איינציקער פון אייך
הינטער זיי נישט געראַטעוועט ווערט —

מיט שניי־ווייסע צעפּאַכעטע בערד
פון די חורבות אַרויס אַ שטיין אויף אַ שטיין,
זקנים געפּענטעטע האַלדז צו האַלדז
אַזוי־אָ וועלן זיי אייך אַנטקעגן גיין.

אָ, און אייך מקבל פּנים צו זיין,
די פאַרגאַזטע קינדער שטייען שוין גרייט,
מיט זייערע אייגעלעך־לעכער
צו געבן איצט אייך דעם לעצטן באַגלייט:

יאָ, יעצט ווייסט איר שוין גוט דעם באַשייד,
וואָס צו טון, ווען ס׳לאַנד איז צו קליין,
ווי אונז דאָ אין די הונדערטער טויזנטער
קוילעט מען אויסעט אַצינד זיך אַליין —

## דייטשלאַנד, דיינע זין

דייטשלאַנד, דיינע זין אין דיר געבוירן,
אויפגעכאַוועט רוצחים אין דיינע שטעט,
האָבן גערויבט, געשענדעט און געמאָרדעט,
און דו, „הייל הייל“ צו אַלצדינג וואָס געשעט.

איבער די לעבעדיק באַגראָבענע
גערירט ס'האָבן זיך די בערגלעך מיט ערד,
נאָר דיין האַרץ, דייטשלאַנד, ס'האָט זיך ניט גערירט,
און די געשרייען דו האָסט נישט געהערט.

געטע און שילער און קאַנט און לוטער —
האָרסט וועסל איז דיר וויכטיקער געווען!
וועלן זיי דיר אויך איצטער נישט העלפן,
ווען דער משפט מיט דיר גייט איצט געשען.

דיין „מנא תקל“ דו האָסט דאָך געשריבן
מיט דיין אייגענער, דיין בלוטיקער האַנט —
יעדער שאָטן פון אַ געקוילעטן
אַ הערצליך־אות אויף דער געטאָ־וואַנט!

ווי פייערדיק ס'וועט דאָס אַראָפּלייכטן,
נאָך אין דיין זיבעטן דור אַריין,
ביז דער קין־צייכן אויף דיין שטערן
אין דיין אייגן בלוט פאַרלאָשן ס'וועט זיין —

„עין תחת עין“, אַן אויג פאַר אַן אויג!
דאָס איז דאָס „בלוטיקע יידן־געזעץ“!!
און ווערסט דו ווידער אַצינד קריסטלעך פרום
האַלט אונטער ס'צווייטע — פאַר אַ צווייטן זעץ!

ביידע אויגן אונז אַרויסצושטעכן,
האָסט דאָך דיין אייזן פייערדיק געגליט,
האָט מען'ס דיר פון האַנט אַרויסגעריסן!
מוזט דו עס דערפילן אַצינד ווי ס'בריט — — —

## בערלין

ניין, נישט אין בערלין אונטערגעשריבן
וועט ער ווערן דער שלום פאַר דער וועלט,
אויף וויסטע חורבות געבליבן פון איר
וועלן ווערן דאָרט תליות אויפגעשטעלט;



פאַר די רוצחים צוזאַמענגעטריבן,
ווי די חיות־רעות געהעצטע און ווילד,
אויף אַ דזשונגל־ווילדעניש, אויף אַ פּלאַץ,
ווו אַ נאָמען נאָך איר הענגט איצט אַ שילד.

ווי וווּנדיק ר'וועט דאָס ברענען דער נאָמען,
מיט אַ מעסער אין יעדן האַרץ געקריצט!
נישט מיט שלום ליכטיקן צו שיינען,
נאָר מיט בייזן חורבן און בלוט באַשפּריצט.

און וואָס איבעריק געבליבן פון איר,
אַ באַלקן פון אַ הויז, אַ סלופּ פון אַ בריק,
ס'וועט נאָר זיין צו פאַרוואַרפן איבער זיי,
פאַר די פאַרמשפּטע די תליה־שטריק.

און נאָר צו שפּאָט נאָך און בייזן געשעלט
דער נאָמען בלויז וועט ווערן נאָך דערמאָנט,
טאָ ווי קאָן פון דאָרט דאָס הייליקסטע וואָרט
אויסגעשטרעקט ווערן פון לאַנד צו לאַנד — — —

ניין, נישט אין בערלין אונטערגעשריבן
וועט ער ווערן דער שלום פאַר דער וועלט,
דער שאַנד־סלופּ פון איר געוואַלטיקער זינד,
אויף איר קבר וועט ווערן אויפגעשטעלט.

און צו יענעם שילד אַהין ס'וועט ווייזן
יעדע אויפגעהויבענע הייל־היטלער־האַנט,
פון יענע שטעט, יענע געבליבענע,
בלוטיק איינגעטונקן אין שולד און אין שאַנד.

---

## געווידמעט גענעראַל וואַטוטין

נישט שנאה און נישט נקמה אפילו —
צום שאַרפסטן איז פון גערעכטיקייט די שווערד!
און נישט אַריינגעשטעקט זי ווערט פריער אין שייד,
ביז פאַרטיליקט זי האָט דאָס שלעכטס פון דער ערד.

וואָס מער דער געראַנגל — אַלץ שאַרפער זי ווערט!
וואָס האַרטער דער נאַקן — אַלץ בלאַנקער איר קלינג!
פון ביידע זייטן ווערט זי אויסגעשליפן,
אין געפאַך — מיט שוואַלבן־פליגלדיקן פלינק.

און ווי לאַנג איין מענטשן־לעבן וועט זיין גרינג —
זיינען מיליאָנען, אָ, פאַר איר נישט צו שווער!
און פאַר איר שאַרף נישט פאַרדעקן ס'קאָן קיינער
נישט דעם פאַרבאָרגנסטן רציחה־באַגער — —

אָ, און ווער פון אונז אַלעמען איצטער, ווער,
קאָן זיינע הענט, זיין האַרץ רייניוואַשן פון דער זינד?
און איז דען נישט איבער דער גאַנצער ערד
דאָס בלוט, פון די מיליאָנען וואונדן, וואָס רינט?

יאָ, די גערעכטיקייט איז עס, זי איז בלינד,
די וואָגשאָל זי האַלט אַזוי לאַנג אין איר האַנט:
און ווי לאַנג איין מענטשן־לעבן וועט זיין גרינג,
איז דאָס גאַנצע לעבן נאָר איין בלוטיקע שאַנד — — —

אַז אויפגעציטערט מיט דיר די שאָל, דייטשלאַנד,
און עס איז דאָך נישט בחנם און נישט אומזיסט:
איז דען פאַראַן אַ פאָלק נאָך צווישן פעלקער,
וואָס איז אַזוי טיף געזונקען ווי דו ביזט?

מהו דיין לאַנד זיין מער פון אַלעמענס פאַרוויסט!
אָ, אַז אונזערע אַלעמענס הענט איצטער
זיינען אַזוי פאַרוואונדיקט, אַזוי פאַרבלוטיקט
און אַלעמענס הערצער פון נקמה בלינד— — —

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38 אָדלער סטריט, א.1., — 3 אַזייגער נאָכמיטאָג).

שבת, דעם 15־טן יאַנואַר, וועט דער באַקאַנטער זשורנאַליסט י. האָדעס האַלטן אַ פאַרטראָג איבער דער יידישער פרעסע אין ענגלאַנד.

שבת, דעם 21־טן יאַנואַר, וועט דער באַקאַנטער שרייבער א. מ. פוקס ריידן: אַ יאָר אין היטלערס תפיסה; אליהו פאָלושאַק: י. ל. פרץ.

שבת, 29־טן יאַנואַר, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון ב. שאַפיר. מ'וועט פאַרלייענען פון זיינע ווערק און זינגען זיינע באַקאַנטע לידער.

שבת, 5־טן פעברואַר, וועט זיין דאָס טראַדיציאָנעל שבת־שירה און חמשה־עשר־פראָגראַם פון דער יידישער ליטעראַטור.

שבת, 21־טן געווידמעט די דערגרייכונגען פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע. עס וועלן זיך באַטייליקן דער שרייבער י. א. ליסקי און אַנד.

**א. נ. שטענצל**

---

פערלאַג י. נאַראַדיצקי, קאַוועל סט., א.1.



4-9 48



# פריינט פון יידיש לשון

---

## א יאר „פריינט פון יידיש-לשון“

.1

ביי הער פרעמדער שנאה ממש, וואָס מ'שטויסט זיך צו אָפּט אָן,— ביי יענע וואָס ווילן זיך דורכאויס הערוויטערן פון אונז! — צו אונזער שפּראַך, און ביי דער גרינגשעצונג צו איר, מצד די, וואָס שטייען שוין מכלומרשט נאָנט צו איר, איז ממילא פאַרשטענדלעך די געררייצטקייט און דער מיסטרויען, פאַרטייאיש־קנאהדיקער און פרעגלעך־קנאהדיקער,—ביי יעטווי־דער מינוסטער מחלוקה, אין אַ לעפל וואַסער כאַטש, אויסצוגיסן ס'וואַסער מיטן קינד! — צווישן די, וועלכע שטייען צוקאָפּנס אַרום איר ציטערדיק וויגעלע און באַמיען זיך, ממש מיט הוילע הענט, פאַר איר ווייטערער ענט־וויקלונג.

און ערשט די נאַטירלעכע, איינגעבוירענע, מיט דער מוטער־מילך שוין איינגעזויגענע סוחרישקייט אונזערע, וואָס טשאַטעוועט אַזוי ציגל־שפּאַלטנדיק און געפערלעך אויף יעטווידן שריט אונזערן; אין איר קלוגן שלאַנגן־קעפּל פאַרקויפט זי שוין יעדן פסוק פון אונזער אָקאַרשט זיך שאַפנדיקע ליטעראַטור ווי אַ פּעטע „עליה“ און ווייסט שוין אַזוי גוט און אַזוי געשיקט אויסצוטיילן דעם „רביעי“ און „ששי“ . . . און ווי באַשעמט ערשט ווען דאָס ווערט נאָך געמאַכט מאַרק־שרייעריש און אין קענטיקן וואָרט פון פרעמדע — דאָס איביקע אויסגע־פרוווטע סוחרישע מיטל, מיט עפּעס צווייפלדיקס צו פאַראינטערעסירן, איז קודם־כל זיך וויכטיק צו מאַכן און די אייגענע גרינגשעצנדיקע אויגן!...

איבער אַזאַ מין מצב וואַכט אָבער אויך אַ באַשיצנדיקער אינטימער חוש, אַן אינערלעכע אימוניטעט, און יענע, וועלכע דערשפירן אין זיך די געפאַר און די נויט פון אַזאַ מין קראַנקהאַפטן מטושטשדיקן צושטאַנד, שאַפט זיך ביי זיי די נויטווענדיקייט פון אַ ברודערלעכע אינסטינקטיווע פריינטשאַפט, פון אַ פסיכישע פאַרבונדנקייט און יעטווידער אויף זיין פראָסטן פשוטן אופן, מיט מענטשלעכער באַשייטנקייט און הכנעהדיק ערנסט, לייגט צו אַ האַנט, ס'האַרץ, דאָס גאַנצע לייב און לעבן: זאָל נאָר דאָס קינד לעבעדיק בלייבן!!

און אויב דאָס קאָכעניש איבער אַ לעפל וואַסער איז אַ סימן מובהק פון יידיש